

# א שמועס ביים שבת טיש

להערות והארות התקשרו בדוא"ל: vortofshabbos@gmail.com

פרשת
**ויקהל**

## • לימוד מפרשתנו

**ויקהל משה וכו' ששת ימים תעשה מלאכה וביום השביעי יהיה לכם קדש שבת שבתון**

**ששת ימים** - הקדים להם אזהרת שבת לציווי מלאכת המשכן לומר שאינו דוחה את השבת (רש"י)

די וואך נעמט משה רבנו צוזאם אלע אידן און ער באפעלט זיי צו בויען די משכן. אבער בעפאר דעם האט ער א וויכטיגע זאך אנצוזאגן: נישט אויפן חשבון פון שבת. שבת קודש ווערט נישט אוועק געשטופט אפילו פאר אזא גרויסע זאך ווי בנין משכן. פארוואס טאקע נישט?

וואס איז שבת ? שבת איז נישט סתם א "מתנה". עס איז א מתנה "טובה". לדעת כי אני ה' מקדשכם - שבת האבן מיר א זכי' צו עסן אויפן אייבערשטענ'ס טיש. יא יא, ביי דיר אין 'דיינינג רום' געפונט זיך דער אייבערשטער'ס טיש. דאס איז א פריוואטע מסיבה נאר פאר 'אונזער משפחה', א גוי טאר נישט היטן שבת, טאמער ער היט שבת איז ער חייב מיתה ! מיט דעם וואס מיר היטן שבת דערמאנען מיר זיך אז מיר זענען דעם באשעפער'ס איינציגע משפחה/קינדער. יעצט פארשטייט מען פארוואס חז"ל זאגן: כל מי שמשמר את השבת מרוחק מן העבירה (מכילתא בשלח). א מענטש וואס פארשטייט און 'אפרישיעיט' דעם שבת איז אויטאמאטיש דערווייטערט פון א עבירה.

דעריבער זאגן חז"ל כל המשמר שבת כהלכתו אפילו עובד עבודה זרה כדור אנוש מוחלין לו (שבת קי"ח). ווען א מענטש היט שבת ברענגט דאס אזא נאנטקייט צום באשעפער אז די אלע מחשבות פון עבודה זרה ל"ע גייען אוועק.

שבת איז מעין עולם הבא, עולם הבא איז א פלאץ ווי מיר אלע גייען הנאה האבן - כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא. וואס מער א מענטש האט שייכות מיטן שבת דא, אלץ מער שייכות האט ער מיט די ריכטיגע עולם הבא.

די משכן איז א כפרה פאר די ביטערע חטא העגל. דער אייבערשטער האט געגעבן פאר זיינע באליבטע קינדערלעך א געלעגענהייט צו פאררעכטען און אפווישן די שמוץ. וואס איז די תכלית פון תשובה ? "תשובה" איז טייטש "צוריק קערן". "כפרה" איז טייטש "אפווישן". **די אמת'ע תשובה געלונגט נאר ווען א מענטש גלייבט באמת אז דער באשעפער האט מיך ליעב און "וויל" אז די זאך זאל זיין אפגעווישט, דעמאלטס טוט טאקע די תשובה אויף**. אויב אבער טראכט א מענטש: יא יא, ס'איז טאקע דא אזא זאך ווי תשובה אבער נאך אלעס, איך האב מיך שוין גענוג פארשמירט, ווער ווייסט צו איך וועל נאך אנקומען צו מיין תכלית... דאס איז א פסולע מחשבה. אויב א מענטש טראכט אזוי ח"ו , אפילו אויב ער טוט אלע זאכן(!) וואס מ'דארף איז א שאד ווייל ער גלייבט נישט באמת אז ער קען נאך ווערן נאנט צום אייבערשטן.

משה רבנו זאגט: עטס זאלסט וויסן אז צו בויען א משכן איז א געוואלדיגע זיינע זאך, א כפרה פאר עבודה זרה, אבער נאר אויב מ'פארשטייט די גרויסקייט און תכלית פון שבת. ווען מ'שפירט די נאנטקייט און מ'פארשטייט אז דער באשעפער איז נישט א פרעמדער "בעל הבית" נאר אונזער גוטער "טאטע" וואס וויל אונזער גוטס. מיר האבן א שבת אלס א ראיה אז מיר זענען באליבטע קינדער, דעמאלטס קען די משכן טאקע ווערן א כפרה פארן עגל און זיין א פלאץ ווי די שכינה וועט רוהען צווישן אונז.

## • מעשה

**אמת קנה ואל תמכור**

עס דערציילט ר' אברהם מאשקאוויטש פון די שטאט בני ברק: מיט א שטיק צייט צוריק האט מיר א גרויסער עסקן דערציילט די פאלגענדע מעשה. אין א טאג באקום איך א טעלעפאן קאל פון א גרויסער גביר אין אויסלאנד. דער גביר דערציילט מיר אז ער מאכט חתונה דעם און דעם טאג און ער וויל ספאנסערן $5000 פאר א יתום וואס האט חתונה די זעלבע נאכט, עס זאל זיין א שמירה פאר די חתונה.

נאכזוכנדיג אין מיין קאלענדער ווער עס מאכט חתונה יענע נאכט האב איך געטראפן אז עס איז דא אן אלמנה וואס מאכט יענער נאכט חתונה איר קינד. איך האב איר אנגערופן און דערציילט די געשיכטע. זי האט אויסגעהערט אלעס און זיך געפריידט, אבער ווען זי האט געוואלט הערן דער דאטום און איך האב איר געזאגט אז מען רעדט פון י' שבט האט זי געזאגט אז ניין! עס שטימט נישט, איך מאך חתונה י"א שבט.

ווען איך בין צוריקגעקומען צו דער גביר און איבערגעזאגט אירע ווערטער האט ער געזאגט אז עס טוט אים לייד, אבער ער וויל נאר דער וואס מאכט חתונה יענעם טאג. איך האב געזאגט פאר די אלמנה אז אפשר זאל זי חתונה מאכן פאר די שקיעה, אזוי וועט זי קענען אריינכאפן אז די חתונה זאל זיין י' שבט, אבער זי האט נישט געוואלט הערן פון דעם.

"מיין מאן האט מיר אויסגעלערנט אז מיט יושר שפילט מען זיך נישט ארום". זי האט געגעבן צו פארשטיין איר התנגדות אז זאכן ווערן זיך מעגליך פארשלעפן און זי וויל זיך נישט פארפליכטן צו אזא זאך. דער גביר האט געטראפן א צווייטן, און די אלמנה איז צוריק צו איר סדר היום.

עס איז נישט אריבער מער ווי צוויי טעג, און אן אנדערע עושר האט געקלינגען מיט אן ענליכע בקשה. דער עושר האט געגעבן מער אויסוואלן, ער האט געזאגט אז ער זוכט איינער וואס מאכט חתונה "חודש" שבט, דער עושר האט צוגעזאגט 7000 דאלער.

דער עסקן האט גלייך פארבינדן צווישן די צוויי, און די אלמנה איז געווען אויסער זיך פון שמחה, אבער די מעשה איז נאכנישט פערטיג.

עס איז אריבער עטליכע טעג, און דער ערשטער גביר האט אנגעקלינגען. ער האט דערציילט אז די געשעעניש געבט אים נישט קיין רוה, עס באדערט אים אז ער האט מצער געווען אן אלמנה, ער וויל איר געבן 5000 דאלער, דאסמאל אן קיין באדינגען.

דער סוף איז געווען אז זי האט באקומען 12000 דאלער צו די חתונה, און אלעס בזכות האמת.

(גענומען פון די וואונדערליכע גליון "השגחה פרטית")

## *א גוט שבת*